# דער אוצר




כתה ה' - וישב תשע"א

*לרגל יום שיחרור והצלת מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע:*

# איין מינוט טראכטן,
# איידער מ'שטעלט זיך אויף טאנצן...

דער קומענדיגער מוצאי שב"ק און זונטאג פר' מקץ הבעל"ט, געפאלט אויס דער טאג כ"א כסלו, דער יום הצלה והשחרור פון אונזער הייליגער רבי מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע.

עס איז שוין איינגעפירט פאר צענדליגער יארן אז אין דעם טאג קומען זיך צוזאמען צענדליגער טויזנטער תלמידים וחסידים פונעם רבי'ן זי"ע איבער די גאנצע וועלט און מען גיט אפ א שבח והודאה פארן רבוש"ע אויף די גרויסע נסים וואס ער האט געטוהן מיטן הייליגן רבי'ן, אז אין יענע שווערע און ביטערע יארן וואס ליידער איז געלונגען פאר דעם פינסטערער רשע ימ"ש אויסצוהרג'ענען רוב כלל ישראל, דער גרעסטער טייל פון די פריערדיגע צדיקים, איז אבער געבליבן דער איינציגער צדיק יסוד העולם, וואס ער האט מחזיר געווען העטרה ליושנה, און ער האט צוריק אויפגעשטעלט אידישקייט אזוי ווי אמאל.

עס איז זייער פאסיג אז מיר - תינוקות של בית רבן וואס זענען זוכה צו לערנען אין די הייליגע מוסדות פון רבינו הק' אין ירושלים עיה"ק - זאלן זיך אפשטעלן א ווילע, און זיך אליינס פרעגן "לשמחה מה זו עושה? וואס האט די שמחה מיט אונז? די הצלה וואס האט פאסירט מיט אזויפיל יארן צוריק, בפרט היינט 32 יאר נאכדעם וואס דער בעל הנס איז שוין נישט דא אויף די וועלט, וואס האט דאס צוטוהן מיט אונז בשנת תשע"א? ווען מיר ווערן זיך אויפשטעלן מיט אונזערע חשוב'ע מלמדים אינאיינעם און זינגען "חסדי ה' כי לא תמנו" וואס זאלן מיר דעמאלטס אינזינען האבן, אויף וואס לויבן מיר דעם אייבערשטן?!".

דער ענטפער איז זייער קלאר.

מיר גייען לויבן און דאנקען דעם אייבערשטן מיט א שבח והודאה "ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם שלא עשני גוי!".

אונזער שמחה כ"א כסלו איז בכלל נישט קיין פרטיות'דיגע שמחה אויף דעם וואס דער רבי זי"ע איז פריוואט באפרייט געווארן, נאר דאס איז א כלליות'דיגע שמחה, אויף דעם וואס מיר זענען זוכה צו זיין אידן, ערליכע אידן, מיר ווערן נתחנך מיט די ריינע אמונה, מיר ווערן נתחנך לויטן ספר הק' ויואל משה, מיר ווערן נתחנך צו זיין אפגעטיילט פון די טמא'נע גאס, צו זיין אפגעטיילט פונעם ממשלת הכופרים, און מיר זיצן אין ירושלים עיר הקודש, און מיר ווארטן בכליון עינים צו זעהן ירושלים בבנינה, אויף דעם לויבן מיר דעם אייבערשטן.

ווען מ'טראכט אביסל אריין אין די פאסירונגען נאכן ביטערן חורבן, ווי אזוי דער הייליגער רבי זי"ע איז געראטעוועט געווארן קיין שווייץ, פון דארט איז ער ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און זיך באזעצט דא אין ירושלים עיה"ק.

דער רבי האט געוואלט דא בלייבן וואוינען, און די ערשטע הייליגע פעולה וואס ער האט געטוהן נאך די מלחמה איז געווען ער האט אויפגעשטעלט אונזער הייליגע ישיבה "יטב לב".

דער רבי האט אין יענע צייט נישט געהאט קיין חסידים, קיין שטיצער'ס, און קיין שום אויסזיכט צו קענען אנגיין ווייטער. אבער ער האט געקוקט אויף אונז... זיינע הייליגע אויגן האבן געזעהן דעם מצב הדור, ער האט געזעהן וויפיל יונגע קינדער און בחורים עס ווערן פארכאפט צו די ציונים, און מיט מסירות נפש ממש האט ער מייסד געווען אונזער הייליגער מוסד.

דער רבי האט געוואלט בלייבן וואוינען אין ירושלים, ירושלימ'ער אידן האבן אים זייער ליב געהאט, ירושלימ'ער צדיקים האבן זיך מדבק געווען אין אים, און עס איז באמת געווען זייער א גוטער געדאנק.

די איינציגסטע זאך וואס האט דעם רבי'ן געשטערט איז געווען אז די ישיבה האט אים אריינגעשלעפט אין חובות, ער איז געווען שולדיג געלט פאר מענטשן, האט ער באשלאסן צו פארן פאר עטליכע חדשים צו מאכן געלט אין אמעריקע, און זיין פלאן איז געווען ביז א קורצע צייט צוריק קומען צו זיין באליבטע ישיבה און איר ווייטער פירן צוזאמען מיט זיין ביהמ"ד און קהילה אין ירושלים.

אבער ניין, פון הימל האט מען געהאט באשטימט א צווייטע תפקיד פאר דעם צדיק, ער האט געדארפט זיין דער מנהיג הדור, אויף זיינע פלייצעס איז ארויפגעלייגט געווארן דער תפקיד פון צוריק אויפבויען דאס יהדות החרדית סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ, דעריבער האט מען צוגעפירט פון הימל אז דער רבי זאל שוין נישט צוריק קומען קיין ארץ ישראל.

אונזער הייליגע ישיבה "יטב לב" איז געווען דער 'זכאי' וואס דורך איר איז נתגלגל געווארן דער זכות פאר די גאנצע וועלט.

דער הייליגער רבי האט אין אמעריקע אויך אויפגעשטעלט, א קליינע קהילה, מיט א קליינע ישיבה, אבער דאס איז געוואקסן גאר שנעל. ביז א קורצע צייט האט דער רבי אויפגעשטעלט אין אמעריקע א דור מיט טויזנטער אידן יראים ושלמים, טויזנטער תינוקות של בית רבן, תלמידים וחסידים אויף די גאנצע וועלט, וואס אלעס האט איין ציהל, זיך צו פירן אזוי ווי אונזערע טאטעס און אונזערע זיידעס האבן זיך געפירט אן קיין שינוים.

די השגחה עליונה האט דאס אויך געפירט אז כאטש דער רבי האט געוואוינט ווייט פון אונז איז ער געבליבן זייער נאנט. עס איז נישט שייך איבערצודרוקן די אומצאליגע לשונות פון אהבה וואס דער רבי האט אלס געשריבן במשך די יארן אין פארשידענע בריוון איבער זיין ליבשאפט צו ירושלים עיר הקודש.

ביז א קורצע צייט איז ער געווארן אויפגענומען אלס ירושלימ'ער רב, און פון דעמאלטס אן האט דער רבי געהאט צוויי תפקידים, אין אמעריקע האט ער זיך געשלאגן מיט די טומאה פון אמעריקע, און געבויעט א הייליגע קהילה פון פרומע אידן וואס זענען שטאלץ מיט אידישקייט, מיט זייער לבוש, און מיט שמירת התורה והמצוות, און שעמען זיך נישט פון די אמעריקאנער גוים.

אין ארץ ישראל האט ער זיך געשלאגן מיט די טמא'נע ציוני'סטישע ממשלה, און געבויעט א הייליגע קהילה פון אידן וואס וואוינען אין ארץ ישראל, אבער זענען אפגעטיילט פון די ציונים אינגאנצן, מ'האט נישט מיט זיי קיין שום שייכות, מ'רעדט נישט זייער טמא'נע שפראך, מ'גייט נישט צו זייערע טמא'נע בחירות, און מ'טוט זיך דערווייטערן פון יעדע זאך וואס קען נאר געבן פאר זיי חיזוק.

אי לאו האי יומא כ"א כסלו! ווען נישט דער הייליגער צדיק וואס איז געראטעוועט געווארן אין דעם טאג, איז נישט קיין ספק אז מיר וואלטן אנדערש אויסגעזעהן.

יעצט ווען מיר קומען זיך צונויף כ"א כסלו צו סעודת הודאה כ"א כסלו לויבן מיר דעם אייבערשטן אויף אלע זאכן וואס מיר לויבן אים טאג טעגליך "אשר בחר בנו מכל העמים", "ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים", און מיר נוצן אויס די געלעגנהייט אין דעם טאג ארויסצוברענגען אונזער שמחה און שטאלץ אויף דעם וואס מיר זענען זוכה צו לערנען אין די הייליגע מוסדות "יטב לב" וואס א דאנק אונזער הייליגער מוסד האט גאנץ כלל ישראל זוכה געווען צו דעם גרויסן טאג.

אלזא! טייערע קינדערלעך, לאמיר זיך אויפשטעלן אינאיינעם, אנכאפן די הענט מיט אונזערע חברים, פארמאכן די אויגן און אריינטראכטן אין די ווערטער, און מיט א ברען און פלאם פייער לאמיר זינגען:

"חסדי ה' כי לא תמנו"...

# אוצר התורה

**והוא נער.**
**זאגט רש"י: עושה מעשה נערות, מתקן בשערו... כדי שיהיה נראה יפה:**

דער **"רחמי האב"** זאגט א מורא'דיגע פשט אין דעם רש"י. יוסף הצדיק האט שטענדיג געזוכט ווי אזוי ער זאל אויסזעהן אזוי ווי א קינד וואס האט נישט קיין עבירות. וואס האט ער געטוהן?

**היה עושה מעשה נערות,** ער האט געטוהן זאכן אויסצוזעהן ווי א קינד אן עבירות. ווי אזוי?

**מתקן בשערו,** ער האט אכטונג געגעבן אויף אלע זיינע אברים וואס זענען ארומגענומען מיט האר.

דער **מוח** האט האר אויפ'ן קאפ. ער האט נאר געטראכט ערליכע גוטע זאכן.

די **אויגן** האט אויגן ברעמען, ער האט אכטונג געגעבן נישט צו קוקן וואו מען טאר נישט, ער האט נאר געקוקט וואו מען מעג.

די **מויל** איז ארומגענומען מיט האר, א בארד, ער האט אכטונג געגעבן נישט צו רעדן מיט זיין מויל זאכן וואס מען טאר נישט, ווי למשל: לשון הרע, ליגנט, מיאוס'ע ווערטער, נישט פארשעמען א צווייטן.

דאס אלעס האט ער געטוהן **כדי שיהיה נראה יפה**, ווייל ער זאל אויסזעהן גוט פארן הייליגן באשעפער.

*(קרבן העני)*

➢•➣

**וישב ראובן אל הבור והנה אין יוסף בבור וגו':**
דער הייליגער **רבי ר' אהרן טשערנאבלער זי"ע** האט געטייטשט די פסוקים אז דאס קומט דערוועקן א מענטש פון זיין פארשלאפנקייט און טוט מעורר זיין צו מאכן א חשבון הנפש, האט ער געטייטשט: **"וישב ראובן אל הבור"**, ראובן האט זיך געקערט צו טראכטן פונעם בור, פונעם קבר, דאס מיינט ער האט ארייגעטראכט איבערן יום המיתה, **"והנה אין יוסף בבור"**, אז נאכדעם וואס א מענטש איז שוין אין קבר איז שוין נישטא קיין מעגליכקייט צו טוהן תשובה און 'מוסיף' זיין אין עבודת ה', **"ויקרע את בגדיו"**, האט ער זיך צוריסן זיינע קליידער, **"וישב אל אחיו"** האט ער זיך געקערט צו זיינע אברים מיט וואס ער האט געטון אלע מעשים אויף די וועלט, **"ויאמר הילד איננו"**, די יונגע יארן זענען שוין נישטא, די צייט איז שוין אריבערגעלאפן, **"ואני אנא אני בא"**, מיט וואס וועל איך ארויפקומען אויבן אין הימל.

# אוצר הידיעות

## כל מה שאירע ליעקב אירע ליוסף

אין **מדרש רבה** ווערט געברענגט פיר און צוואנציג זאכן וואס האבן פאסירט די זעלבע מיט יעקב און מיט יוסף:

**א)**ביידע זענען געבוירן געווארן גע'מל'עט.

**ב)** ביידע מאמעס זענען געווען עקרות.

**ג)** ביידע מאמעס האבן געהאט נאר 2 קינדער.

**ד)** ביידע זענען געווען א בכור.

**ה)** ביידע זענען געבוירן געווארן נאך לאנגע יארן.

**ו)** ביידע האט דער ברודער פיינט געהאט.

**ז)** ביידע האט זייער ברודער געוואלט הרג'ענען.

**ח)** ביידע האבן געפאשעט שעף.

**ט)** ביידע מאמעס האבן זיך געפלאגט ווען זיי האבן זיי געבוירן.

**י)** ביידע זענען בא'גנב'עט געווארן 2 מאל (ווייל ביי יעקב שטייט די לשון "גנובתי יום גנובתי לילה", און ביי יוסף שטייט די לשון "כי גנוב גונבתי מארץ העברים).

**יא)** ביידע זענען געווארן זייער רייך.

**יב)** ביידע זענען ארויס פון ארץ ישראל.

**יג)** ביידע האבן גענומען פרויען פון חו"ל.

**יד)** ביידע האבן געבוירן די קינדער אין חו"ל.

**טו)** ביידע זענען געווארן באגלייט פון מלאכים.

**טז)** ביידע זענען גרויס געווארן דורך א חלום.

**יז)** ביידנס שווער (לבן און פוטיפר) זענען רייך געווארן וועגן זיי.

**יח)** ביידע האבן געווארט קיין מצרים.

**יט)** ביידע האבן צוריק געהאלטן דעם הונגער.

**כ)** ביידע האבן באשוואוירן מ'זאל זיי נישט באערדיגן אין מצרים.

**כא)** ביידע האבן באפוילן מ'זאל ארויפטראגן זייערע ביינער קיין ארץ ישראל.

**כב)** ביידע זענען נפטר געווארן אין מצרים.

**כג)** ביידע האט מען חונט געווען (געזאלבט נאכן שטארבן).

**כד)** ביידנס ביינער האט מען שפעטער ארויפגעטראגן קיין ארץ ישראל.

# אוצר הגנוז

כ"א כסלו דער טאג וואס איז ניצול געווארן דער פעטער ז"ל, דער וואס האט זוכה געווען להעמיד הדת על תילה, דאס איז א הצלה פאר די תורה הק', א הצלה פאר כלל ישראל, אזא טאג איז א בחינה פון יו"ט שבועות, אזא טאג איז זמן מתן תורתינו.

ממילא אז ס'קומען זיך צוזאם אין אזא צייט אלפים ורבבות מישראל געבן א שבח והודאה פארן הייליגן באשעפער וואס ער האט געטוהן די ניסים ונפלאות מיט כלל ישראל, מציל געווען דעם רועה נאמן, איז דאס א זאך וואס כן ראוי, אזוי פאסט זיך און אזוי דארף עס צו זיין יעדעס יאר, שנה אחר שנה זיך צוזאמען קומען.

(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, כ"א כסלו תשס"א)


## התודה והברכה

**לידידינו החשוב והנעלה, פה מפיק מרגליות,**
**הרב שמואל שלמה טעלער שליט"א**
מגיד מישרים בקרית יואל ומו"ל ספרי ומשה היה רועה

**על עמדו לימינינו בכל זמן ובכל עת ובמיוחד בעריכת קונטרס דנן**

**זכות רביה"ק, וזכות לימוד התורה של תשב"ר יגן בעדו להתברך בכל מילי דמיטב**

# די געשיכטע אין קורצן פון די
# הצלה פון רבינו הקדוש זי"ע

כ"א כסלו תש"ה

**לכבוד דעם יום ההצלה והשחרור ווען מיר דא איבערגעבן אין קורצע שטריכן די השתלשלות פון די געשעהענישן וואס האבן שייכות צום יום ההצלה כ"א כסלו, אזוי אויך עס זענען געווען די וואס האבן צוגעהאלפן צו די הצלה, און ווער עס זענען געווען די וואס האבן מפקיר געווען דאס לעבן פון די טויזנטער אידן.**

**אלול תרצ"ט** – האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה ווען היטלער ימ"ש האט אנגעהויבן א מלחמה מיט עסטרייך און פוילן, דעמאלטס האבן זיך שוין אנגעהויבן די שחיטות און הריגות ר"ל אויף די פוילישע אידן.

**כ"ו אב ת"ש** – איז טראנסלוואניע אריבער אונטער דעם רשות פון אונגארן, און די אונגארישע אידן האבן אנגעהויבן צו ליידן צרות צרורות, ווען טאג נאך טאג קומען ארויס פרישע גזירות קעגן די אידן.

**זומער תש"א** – טויזנטער אידן פון אונגארן וואס האבן נישט געקענט אויפווייזן זייער בירגער רעכט, ווערן פארטריבן קיין אוקריינא וואו זיי ליידן גרויסע צרות, און ווערן גע'הרג'עט ר"ל מיט מיתות משונות, צווישן די איז אויך דעם רבינ'ס שוואגער דער רייזשנוב'ער רבי זצ"ל.

דער רבי לייגט אריין גרויסע כוחות צו העלפן די אידן, ער שרייבט בריוו צו אלע ריכטונגען, שווייץ, אמעריקע, און נאך, כדי צו ראטעווען די אידן.

**תש"ב** – די ציונים רופן אויס א ביאקאט קעגן דייטשלאנד, דאס רייצט אויף גאר שטארק היטלער ימ"ש, כאטש ער האט ביז דאן נאך געקלערט בלויז פון אוועקפירן די איבריגע אידן ארויס פון אייראפע האט ער זיך געווארפן אויף די ערד בייסנדיג די קארפעט האט ער געקוויטשעט "איך וועל זיי אויסקוילן ווי די הערשן און אינדן" (ווי די גמרא דריקט זיך אויס אויב ווערט מען עובר זיין אויף די שלש שבועות, "הנני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה"), און דאן האט ער אנגעהויבן די דעפארטאציעס קיין אושוויץ אויף א גרויסן פארנעם (מכתבי אייכמאן ימ"ש, עי' בס' מן המצר ובהקדמת ספה"ק עה"ג ועה"ת).

**תשרי תש"ג** – רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל קומט אויף מיט אייראפע-פלאן "אויסצוקויפן" אידן פאר געלט, דער פלאן ווערט באשטעטיגט דורך אייכמאן און היטלער ימ"ש און זיין פארמיטלער וויסליצעני, ר' מיכאל בער רודערט אויף די וועלט, דער נעגאטיווער ענטפער פון די ציונים לויטעט "כי רק בדם תהי' לנו הארץ" כדי מיר זאלן באקומען דאס לאנד מוז פארגאסן ווערן אידיש בלוט אין אייראפע (עפרא לפומיהו), עס קומט נישט קיין ענטפער פון די וועלט אידנטום און דער פלאן צופאלט.

**ווינטער תש"ד** – דער רבי איז אין פעסט און ער גיט איין א פארלאנג פאר א סערטיפיקאט קיין אר"י פאר זיך און פאר הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זי"ע, די ציונים פארלאנגען אז זיי זאלן שיקן געלט פארן ציוני'סטישן "קרן קיימת" און זיך איינשרייבן אלס מיטגלידער אינעם וועד הלאומי, וויבאלד זיי האבן דאס אוודאי נישט געוואלט נאכגעבן האבן די ציונים זיי בשום אופן נישט געוואלט ראטעווען (קול ישראל-אגו"י ז' אדר תש"ד).

**כ"ד אדר תש"ד** – דער דייטש ימ"ש נעמט איין אונגארן, און די ריכטיגע צרות הייבן זיך אן. די דייטשן דרייען זיך ארום אין די גאסן און זוכן די חשוב'ע אידן און רבנים צו דעפארטירן ר"ל. דער רבי לעבט אין באהעלטעניש און באווייזט זיך נישט אויף די גאס אין די עפנטליכקייט.

**כ"ט אדר תש"ד** – וויסליצעני לאזט רופן רבי מיכאל בער און שלאגט פאר א טיילווייזע אייראפע-פלאן צו ראטעווען א "מיליאן" אונגארישע אידן פאר "2 מיליאן דאללער", ר' מיכאל בער פארבינדט אים מיט ר' פנחס פרוידיגער ע"ה פון די ראשי הקהלה אין פעסט און דער פלאן איז אין גאנג.

**ז' ניסן תש"ד** – אייכמאן ימ"ש קומט אן קיין אונגארן און הייבט אן איינצופירן די געטאס כדי צו קענען דעפארטירן די אידן.

**אסרו חג פסח תש"ד** – די דייטשן ימ"ש הייבן אן צוזאמענעמען די אידן פון די שטעט צו די געטאס אין די גרויסע שטעט כדי עס זאל זיין גרינגער צו דעפארטירן.

**כ"ח ניסן תש"ד** – ר' פנחס פרוידיגער צאלט איין די ערשטע צאלונג פון $224,000 צייטליך. צופעליג דערוואוסט זיך דר. קאסטנער פון די געהיימע פארהאנדלונגען און ער באקומט זיך אריין אין די הצלה פלענער. דורך א שווינדל איז אנשטאט די ערנסטע פארהאנדלונגען פון ר' פנחס אריינגעקומען דר. קאסטנער און יואל בראנד פון די ציוני'סטישע אגענטור. די צוויי האבן גענומען פון ר' פנחס נאכאמאל אזא ריזן סכום אלס פארמיטלער צווישן אים מיט וויסליצעני, און זיי האבן אויף א נידריגן פאררעטערישן וועג אויסגעכאפט די פארהאנדלונגען זאלן דורך זיי געפירט ווערן.

**ב' אייר תש"ד** – אייכמאן ימ"ש לאזט רופן יואל בראנד און באפעלט אים צו פארן קיין אינסטאנבול אנפרעגן די ציונים אויב זיי זענען אינטערעסירט אויסצוקויפן די אידן אין אויסטויש פון סחורה, אויב דער ענטפער איז פאזיטיוו דאן באפרייט ער 100,000 אידן אפילו נאך איידער די סחורה קומט אן, אייכמאן איז גרייט צו פירן די טראנספארטן אויף 2 וואכן קיין עסטרייך און זיי דארט האלטן ווילאנג עס קומט תשובה פון די ציונים, בראנד פארט קיין טערקיי און מען פארדרייט אים דארט און מען שטעלט אים אונטער שטיקלעך פון אלע זייטן, צום ענדע ווערט ער א דאנק די ציונים ארעסטירט און די פארהאנדלונגען ווערן אויס, במשך די קומענדיגע חדשים ווערן דעפארטירט 434,000 אונגארישע אידן.

**ו׳ אייר תש״ד** – דער מצב אין סאטמאר איז זייער אנגעצויגן, עס איז קלאר אז ביז געציילטע טעג וועלן די אידן אריינגעפירט ווערן אין די געטאס, דעם רבי׳נס איידעם דער סעמיהאלי׳ער רב מיט זיין רביצין חי׳ רויזעלע ע״ה אנטלויפן מיט אן אמבולאנס קיין קלויזענבורג און פון דארט שווערצן זיי די גרעניץ קיין רומעניען וואו עס איז געווען לייכטער דער מצב, און זיי זענען פון דארט אנגעקומען קיין ארץ ישראל וואו זיי זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד דורך דעם רבי׳נס תלמידים וחסידים.

**ט׳ אייר תש״ד** – דער רבי זי״ע אנטלויפט מיט אן אמבולאנס קיין קלויזענבורג, צוליב א מיספארשטענדעניש האט מען איבערגעלאזט דעם ארגאניזירער פון די אקציע הרה״ח ר׳ יוסף מאיר גליק ע״ה אין סאטמאר, אנקומענדיג קיין קלויזענבורג ווערט דער רבי מיט די גאנצע גרופע ארעסטירט דורך די אונגארישע פאליציי.

**י׳ אייר תש״ד** – עס ווערט אויפגעשטעלט א געטא אין סאטמאר, עס איז פארבאטן פאר א איד זיך צו באווייזן אינדרויסן פון געטא.

**י״ג אייר שב״ק אמור תש״ד** – דער רבי ווערט באפרייט פון תפיסה און אפגעפירט אין קלויזענבורגער געטא, וואו ער איז געווען עטליכע וואכן אונטער גאר שווערע באדינגונגען, און מיט נסים ונפלאות איז ער לעבן געבליבן אלס דער איינציגסטער איד מיט א בארד.

**כ״ב אייר תש״ד** – די טראנספארטן קיין אוישוויץ הייבן זיך אן, טאג נאך טאג ווערן צענדליגער טויזנטער אידן געפירט צום טויט.

**סיון תש״ד** – נאך בראנד׳ס דורכפאל האט קאסטנער באוואויגן אייכמאן צו טוישן די פלענער פון ראטעווען א ״מיליאן אידן״ צו א נישטיגע צאל פון 600 ציוני׳סטישע מיוחסים וואס האבן געהאט סערטיפיקאטן קיין ארץ ישראל, צוזאגנדיג אז ער וועט האלטן ארדענונג ביי די אידן, און זיי פארנארן אז זיי זאלן זיך לאזן פירן כצאן לטבח און נישט שטעלן קיין ווידערשטאנד, די ציונים שטעלן צונויף ליסטעס וואס גרייכן ביז 1,500 מענטשן.

**סיון תש״ד** – די עסקנים אין פעסט ר׳ חיים ראטה און ר׳ פנחס פרוידיגער צאלן גרויסע געלטער און קויפן אפ א צאל זיצן אויפן ״זאנדער טראנספארט״ צווישן די, פארן רבי׳ן, די רביצין, ר׳ יוסף אשכנזי, ר׳ יונתן שטייף, דעברעצינער רב.

דר. פישער דער שווער פון קאסטנער פארלאנגט אז מען זאל דעם רבי׳ן צושטעלן צו די ליסטע צוליב א חלום וואס זיין מאמע האט אים געזאגט צייגנדיג אויפן רבי׳ן ״דעם איד זאלסטו מציל זיין אויב דו ווילסט אז דער צוג זאל אנקומען אויף די פריי״...

**עש״ק שלח תש״ד** – דער רבי קומט אן פרייטאג צונאכטס קיין פעסט אינאיינעם מיט נאך 300 מענטשן פון קלויזענבורגער געטא.

**שב״ק חוקת תש״ד** – דער צוג שפעטיגט ארויסצופארן צוליב באמבאדירונג, 11 אזייגער ביינאכט לאזט מען זיך ארויס מיטן ציל אנצוקומען קיין האנאווער, פארטוגאל, שפאניען, און פון דארט צו די פרייע וועלט, אינעם צוג געפונען זיך 1684 פאסאזשירן. מיט א נידריגע הפקרות האבן די ציונים נישט באצאלט דעם גאנצן סכום שטעלנדיג אין געפאר דעם גאנצן טראנספארט.

**א׳ בלק תש״ד** – די באן שטעלט זיך פארן עסטרייכישן גרעניץ און שטייט 2 טאג, מען ווערט געוואויר אז דער באפעל איז צו שיקן דעם באן קיין אוישוויץ, וויבאלד דאס געלט איז נישט אויסגעצאלט, דער רבי באגעגנט ר׳ שלמה גפן און וויינט פאר אים ביטערליך ער זאל אויפרודערן די וועלט, ר׳ שלמה פארבינדט זיך קיין שווייץ, פעסט. אייכמאן זאגט אז דאס איז געשעהן א בלויזער טעות פון אוישפיץ צו אוישוויץ, ער וויל שיקן דעם באן קיין אוישוויץ און דאס אפצאלן מיט א אנדערע טראנספארט, ר׳ יצחק שטערנבוך פון שווייץ מעלדעט אז ער האט גרייט די סחורה, ר׳ חיים ראטה באצאלט נאכאמאל פארן רבי׳ן עקסטער און עס געלונגט, און מען פארט ווייטער.

**שבעה עשר בתמוז** – מען קומט אן קיין בערגן בעלזן וואו מען ווילט אויף די קומענדיגע 5 חדשים, דער רבי גייט אן מיט די עבודת הקודש למעלה משכל אנושי, די עסקנים פון וועד הצלה אין ניו יארק אין שפיץ פון הגר״א קאלמאנאוויטש און ר׳ יצחק שטערנבוך פון שווייץ ארבעטן איבערמידליך פארן רבי׳נס הצלה פון בערגן בעלזן. אייכמאן זאגט אז דער טראנספארט ווערט געהאלטן ביז ווען עס וועלן געשאנקען ווערן אלס אויסטויש 250 לאסט אויטאס, די ציונים אין שווייץ ווילן נישט נאכגעבן עפעס צו געבן כדי צו ראטעווען דעם טראנספארט.

**אלול תש״ד** – א דאנק די לאסט אויטאס און טראקטארן וואס האבן אנגעהויבן צו קומען דורך ר׳ יצחק שטערנבוך פון שווייץ פארט ארויס א טראנספארט קיין שווייץ און קומט אן בשלום, ר׳ יונתן שטייף ז״ל איז גראטעוועט געווארן מיט דעם טראנספארט, דער רבי אבער איז נאך אין בערגן בעלזן און די הצלה פארמיטלונגען גייען ווייטער אן.

**ימים נוראים תש״ה** – דער רבי געפונט זיך אין בערגן בעלזן אונטער גאר שווערע אומשטענדן, צוקלאפט און דערנידערט אבער זיין גייסטיגער מוראל איז גאר הויך, און ער איז מחזק און שטארקט די אידן, ער ריכט אפ די תפילות תקיעת שופר מיט געוואלדיגע התרוממות.

**אלול תש״ד–כסלו תש״ה** – די פארהאנדלונגען גייען אן ווייטער איבער די צווייטע טראנספארט, דער פירער פונעם ׳דזשוינט׳ אין שווייץ סאלי מייער שר״י לייגט אריין כוחות צו צושטערן אלע פלענער פון הצלה, אבער די עסקנים געבן נישט אויף, ר׳ יצחק שטערנבוך געלונגט צו שיקן עטליכע טראקטארס מיט 100,000 דאללער, א הבטחה פונעם דזשוינט אז ביז געציילטע טעג וועלן זיי האבן נאך 5 מיליאן שווייצער פראנק, און די דייטשן באוויליגן ארויסצושיקן דעם צווייטן טראנספארט.

**י״ט כסלו תש״ה** – דער רבי הייסט זיך גרייטן אין וועג, קיינער פארשטייט נישט פארוואס, אט ווערט באשטעטיגט דער צווייטער טראנספארט קיין שווייץ מיט 1,350 אידן דערויף. מען פארט ארויס, ביים שווייצער גרעניץ קומט אן א טעלעגראם פון היטלער ימ״ש אז דאס געלט פונעם דזשוינט איז נישט אנגעקומען און מען זאל פארקירעווען די באן קיין אוישוויץ, דער גאנצער פלאן האלט ביים דורכפאלן אין די לעצטע מינוט...

**כ״א כסלו תש״ה** – חסדי ה׳ כי לא תמנו, דעם אויפזעהער אויף די באן, פאלט ביי אז ער קען זיך דא איינקויפן א קרעדיט אויף נאך די מלחמה ווען ער וועט גענומען ווערן צום משפט אויף זיינע מעשים, ער באפעלט צו איגנארירן דעם טעלעגראם און דורכצופארן די גרעניץ. אין א מזל׳דיגע שעה איז דער רבי אנגעקומען קיין שווייץ ווען די פסוקי הודאה **״בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטימו״** איז אויף זיינע ליפן.

**חסדי ה׳ כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו**

# אוצר הזכרונות

### עס דערציילט מיין זיידע
## הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א - אבדק"ק נאנאש

ער האט אמאל געהערט פון רבי'ן זי"ע דער בעל דברי יואל א לאנגע שמועס פון די צייטן פון די מלחמה, אינמיטן האט דער רבי דערציילט אז אויפן וועג פון בערגן בעלזן צום באפרייהונג האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין א שטעטל אין עסטרייך דארט האט מען זיי אריינגענומען אין א פלאץ און מ'האט געהייסן פאר יעדן איינעם זיך צו אויסטוהן די קליידער כדי מ'זאל דאס אויסוואשן, ביז דערווייל האבן זיי געווארט אינדרויסן אין חצר, וויבאלד עס איז נישט געווען אויף וואס צו זיצן האבן זיי זיך אראפגעזעצט אויפן ערד, האט דער רבי דערציילט, אז ער האט דעמאלטס געזאגט א וויצעדיג הלצה, אז קודם איז געווען א גזירה מ'זאל גיין מיט די "געלע שטערן'ס" און יעצט דארפן זיי זיצן אויף דער ערד, דאס איז פשט וואס עס שטייט אין די פסוקים אז אידן זענען געגליכן צו "כוכבי השמים" און "כעפר הארץ"...

נאך האט דער רבי זי"ע דערציילט אז בשעת די מלחמה האט דער רבי געהאט ביי זיך א שער-מאשין, אז טאמער ח"ו ער וועט דארפן אפשערן די בארד, זאל מען עס נישט דארפן אפשערן מיט א גאל-מעסער, און ווען דער רבי איז אנגעקומען אינעם פריער-דערמאנטן פלאץ, האט דער רבי מורא געהאט אז אפשר וועט מען יעצט דארפן אפשערן די בארד, האט ער געוואלט ארויסנעמען די שער-מאשין און מ'האט עס בשום אופן נישט געטראפן, האט עס דעם רבי'ן זייער ווי געטוהן אז פונקט ווען מען דארף דאס טרעפט מען דאס נישט, און צום סוף האט דער אויבערשטער געהאלפן אז מען האט טאקע נישט געדארפט אפשערן די בארד.

**(יואל צבי בראך)**

### עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
## הרה"ח ר' טוביה יואל שטיינער ז"ל

ווען רביה"ק זי"ע איז געווען אין לאגער "בערגן בעלזן" האב איך זיך געפינען אין א דערנעבנדיגע לאגער, מיין ארבעט איז געווען צו טיילן די עסן פאר די אידן אין לאגער, איך האב אויך געהאט א חבר וואס ער איז געווען מיין שותף צו די ארבעט, און מיר האבן געהאט א גרויסע טאפ וואס פון דעם האבן מיר ביידע געטיילט די עסן, אבער מיר האבן נישט געוואוסט אז אין די לאגער נעבן אונז געפינט זיך רביה"ק זי"ע.

איינמאל האב איך געטראפן א צעטל אונטער די טאפ, אז מיר זאלן וויסן אז דער סאטמאר'ער רב געפינט זיך אין די דערנעבנדיגע לאגער, און ער עסט גארנישט פון די אלע עסן וואס מ'טיילט דארט, דעריבער זאלן מיר זעהן אריינצוגיין אין קאך און ברענגען א קארטאפל פארן רבי'ן.

מיר האבן זיך זייער געוואונדערט צו די זאך איז ריכטיג צו נישט, קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן פון דעם אז דער רבי געפינט זיך דארט, און צו רעדן מיט איינעם פון א צווייטע לאגער איז בשום אופן נישט ערלויבט געווארן, אבער וויבאלד די בקשה האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל האב איך מיט מסירות נפש באהאלטן ביי מיר א רויע קארטאפל פון קאך - אויב וואלטן די רשעים דאס באמערקט, וואלט איך ווען באלד באשטראפט געווארן מיטן לעבן - אזוי האב איך געטוהן עטליכע מאל, איך האב אוועקגעלייגט די קארטאפל אין א באהאלטענע פלאץ נעבן די גדר, מען זאל עס קענען נעמען פון דארט.

איך האב געוואלט שיקן א קוויטל און זיך מזכיר זיין פארן רבי'ן, אבער איך האב נישט געהאט א פעדער צו שרייבן, האב איך גענומען אש און אויפגעשריבן אויף די קארטפאל מיין נאמען "טוביה יואל בן אסתר" און עס איז אזוי אריבערגעשיקט געווארן.

נאך די מלחמה ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל, אין יאר תשי"ב, בין איך אריין מיט א קוויטל אל הקודש פנימה, ווען דער רבי האט דערזעהן מיין נאמען האט ער מיר באלד געגעבן א פרעג צו איך בין דער וואס האט אים געשיקט די קארטאפל אין לאגער בערגן בעלזן, און ער האט מיר געזאגט מיט הכרת הטוב: "האסט מחיה געווען מיט דעם אסאך אידן"...

**(חיים יוסף בנעט, טוביה יואל בנעט)**

### עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' נחמן יאקאב שליט"א

איבער די זארגן, השתדלות און פעולות פון די אידן אין ירושלים אין יענע שווערע טעג ווען דער רבי איז געזעצן בגיא צלמות, דערציילט אונזער זיידע ווי פאלגנד: געווען איז דאס אין יענע תקופה פון די יארן תש"ד - תש"ה די אידן אין ירושלים זענען געווען באזארגט, נישט וואוסנדיג וואו דער רבי געפינט זיך, צו ער לעבט אדער ח"ו דאס פארקערטע. אין יענע טעג האט זיך אונטערגעגארטלט איינער פון די לייבן אין ירושלים דער בארימטער איש חסיד און תלמיד פון רבי'ן הרה"ח ר' הערש פנחס הכהן מאשקאוויטש ז"ל, וועלכער האט באוויזן זיך צו פארבינדן מיט דעם ענגלישן קעניג דזשארדז'ש דער פינפטער, און האט אין א מעמאראנדום פארגעשטעלט די גרויסע פערזענליכקייט און ג-טליכקייט פונעם רבי'ן ווי ער פארמאגט חסידים און אוהדים איבער דער גאנצער וועלט, און פארגעשלאגן - דורך אינטערנאציאנאלע פארבינדונגען - אז ענגלאנד זאל באפרייען דייטשע קריגס געפאנגענע אין אויסטויש אז זיי זאלן באפרייען דעם רבי'ן.

ר' הערש פנחס ז"ל פארענדיגט מיט א גערירטע הייסע בקשה: "דער רבי געפינט זיך איצט אין א עת צרה, און אין די זעלבע צייט געפינט זיך אויך די ענגלישע קעניגרייך אין א צרה, אויב וועט זיין קעניגרייך זיך זארגן און משתדל זיין צו ראטעווען

דעם רבי'ן וועט ער אוודאי אין דעם זכות אויך ניצול ווערן פון זיין צרה".

עס איז אריבער א שטיק צייט און עס איז נישט צוריקגעקומען קיין שום תשובה פון ענגלאנד, די אידן אנ"ש אין ירושלים האבן כמעט אויפגעגעבן די האפענונגען אז עס זאל עפעס אנקומען א ישועה דורך ענגלאנד.

דער פאקט איז געווען אז דער בריוו פון ר' הערש פנחס איז אנגעקומען צום ריכטיגן אדרעס און האט טאקע געמאכט דעם ריכטיגן רושם, אהערגעשטעלט די גרויסע פערזענליכקייט פון רבי'ן, און פארגעשלאגן פארן קעניג אז דורך אינטערנאציאנאלע פארבינדונגען זאל ענגלאנד אנבאטן פאר דייטשלאנד אז זי וועט באפרייען דייטשע קריגס געפאנגענע פאר זייער באפרייען דעם רבי'ן, דער ענין איז איבערגעגעבן געווארן דורכן קעניג צום באהאנדלונג פונעם קאלאניעס מיניסטער אין די ענגלישער קאבינעט, און זיי האבן זיך גענומען טוהן אינעם רבי'נס הצלה פון בערגן-בעלזן, אבער אין דער זעלבער צייט איז די ישועה געקומען פון אן אנדער פלאץ ווען די געטרייע עסקנים אין אייראפע האבן געטון איבערמידליכע פעולות וואס האט ב"ה געברענגט די ריכטיגע פירות.

די ענגלישע רעגירונג וועלכע האט שוין איצט געוואוסט פונעם רבי'נס פערזענליכקייט האט נאכגעפאלגט דעם רבי'ן, און זיך אינטערעסירט איבער זיין וואוילזיין און - ווי מיר וועלן ווייטער שילדערן - ווען דער רבי איז אריבער אויף שווייץ האט רבי הערש פנחס באקומען א אפיציעלע מעלדונג דערפאר פון די ענגלישע מלוכה.

א תקופה דערויף איז אנגעקומען קיין ירושלים א 'לעבעדיגער' גרוס פון רבי'ן. דער רבי'ס איידעם הגאון הצדיק מסעמיהאלי זצ"ל און די באליבטע און געטרייע טאכטער הרבנית הצדיקת מרת חי' רויזא'לע ע"ה זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל. די שמחה ביי אנ"ש אין ירושלים איז געווען אין לשער, חסידים האבן זיך געפריידט אז יעצט וועט מען שוין זיכער וויסן א ריכטיגע ידיעה וואו דער רבי געפינט זיך און האפנדיג אז אלעס איז ארדענונג.

(בדרך אגב: איבער דאס ארויפקומען פון די צדיקת מרת חי' רויזא'לע ע"ה און איר חשוב'ער מאן הגה"צ מסעמיהאלי זצ"ל, דערציילט הרבנית החשובה מרת זאקס תליט"א פון מאנסי, א שוועסטער פון הגה"צ מסעמיהאלי זצ"ל וועלכע איז אינאיינעם מיט זיי ארויפגעקומען פון די לאגערן זייענדיג א יונג מיידל, זי האט געהאט די זכי' צו וואוינען די גאנצע יאר אין די זעלבע דירה מיטן רבי'ן אינאיינעם:

ווען די רעבעצין איז ענדליך נאך אזוי פיל מאטערנישן און ליידן אנגעקומען צום בארטן וועלנדיג ארויפגיין אויף די שיף, איז פלוצים אונטערגעשפרונגען א יונגער בחור וועלכער האט געשטאמט פון די שטאט סאטמאר און האט ליידער מקדיח תבשילו געווען, ווערנדיג אריינגעכאפט אין די ציוני'סטישע באוועגונג.

דער בחור האט אנגעפאנגען צו שרייען אז ער לאזט בשום אופן נישט ארויף דעם סאטמאר'ער רב'ס טאכטער אויף די שיף, שרייענדיג מיט זילזול צו די רעבעצין "דיין פאטער האט אונז נישט געלאזט ארויפגיין קיין ארץ ישראל און יעצט ווילסטו זיך ראטעווען דורך ארויפפארן קיין ארץ ישראל", און ער האט באשלאסן אז די רעבעצין און איר מאן מיט מיר אינאיינעם וועלן בשו"א נישט ארויפקומען אויפן שיף. מיר האבן אנגעפאנגען צו וויינען און זיך בעטן ער זאל רחמנות האבן אויף אונז, ווייל יעדע מינוט קענען אנקומען די דייטשע רוצחים און אונז פארטיליגן ח"ו, אבער די אלע געוויינען זענען געפאלן אויף טויבע אויערן, ביז ווען עטליכע פון זיינע ציוני'סטישע חבירים האבן רחמנות באקומען אויף אונז, האט זיך יענער געמוזט בייגן, אבער ער האט זיך אויסגענומען אז מיר וועלן נישט באקומען אונזערע געאייגנטע בעטן און ערטער אויפן שיף, נאר מיר וועלן מוזן זיצן אויפן דעק פונעם שיף, און אזוי זענען מיר ארויף אויפן דעק ווי אין לויף פונעם וועג זענען מיר ממש אפגעפרוירן געווארן פון די ווינטן וועלכע האבן געבלאזן אין די וואסערן).

דערציילט ווייטער אונזער זיידע שליט"א: אנקומענדיג קיין ארץ ישראל, באלד דעם ערשטן טאג, זענען אריינגעגאנגען צו איר עטליכע אידן פון אנ"ש אין ירושלים, פרעגנדיג די סעמיהאלער רעביצין ע"ה צו זי האט עפעס א ידיעה איבער איר הייליגן פאטער דער רבי, וואו ער געפינט זיך.

די רעבעצין ע"ה האט אויסגעבראכן אין א געוויין, זאגנדיג אז זי אליין ווייסט אויך נישט וואס איז געשען מיט איר פאטער, נאר איין זאך קען זי יא איבערגעבן און דאס וועט זי יא זאגן.

"קומענדיג אויף די שיף דא קיין ארץ ישראל האב איך זיך גע'חלומ'ט אז איך טרעף זיך מיט מיין מוטער (הרבנית הצדקנית מרת חוה ע"ה), זי איז זייער אויפגעלייגט און פריידט זיך מיט אן אויסערגעוועהנליכע שמחה, אויף מיין פראגע לשמחה זו מה עושה, האט זי מיר געענטפערט אז זי האט אויפגעוועקט דעם זיידן דעם קדושת יו"ט און דעם אנדערן זיידן און געזאגט אז זייער קינד איז אין א גרויסע סכנה, און איצט זענען אלע צדיקים בעולם העליון מקנא מיין שווער דער קדושת יו"ט וועלכער האט אויסגע'פועל'ט מער ווי די אנדערע צדיקים אז זיין זוהן (דיין פאטער) זאל געראטעוועט ווערן פון די דייטשע רוצחים"

די אידן אנ"ש אין ירושלים האבן אביסל אפגעאטעמט הערנדיג פון די צדיקת דעם רבי'נס טאכטער די בשורה טובה און בעטנדיג דעם באשעפער אז דער חלום זאל ווי אמשנעלסטן מקוים ווערן.

**(אברהם אליעזר יאקאב, משה אריה יאקאב,**
**משה יאקאב, ירוחם יאקאב, מאיר יאקאב)**




מיין עלטער זיידע **הרה"ח ר' יהודה עקשטיין ז"ל**, פלעגט יעדע יאר מאכן א טאוול לכבוד כ"א כסלו פאר די ילדי התלמוד תורה, פאלגנד איז איינע פון טאוולעך. **(ישראל ירוחם יאקאב)**

### הארציגע גראמען לכבוד כ״א כסלו פון מיין עלטער זיידע

## הרה״ח ר׳ יהודה עקשטיין ז״ל

**מיין זיידע הרה״ח ר׳ יהודה זצ״ל, איז געווען א מלמד אין תלמוד תורה דאהי אין ירושלים ת״ו. אין יאר תשל״ה האט ער אפגעשריבן די פאלגנדע ספעציעלע זמר לכבוד דעם גרויסן טאג, וואס די קינדער האבן דאס געזונגען אין תלמוד תורה:**

היינט איז דער טאג וואס א יעדער ווייסט,
אז דאס איז ביי אונז דער גרעסטער טרייסט.
זאלן מיר אלע זאגן אזוי,
זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו.

צוריק מיט 26 יאר איז דאס געווען,
ווען דאס גרויסע נס איז געשעהן.
מיר האלטן דאס פאר א גרויסע זכיה,
אין דעם טאג צו דערציילן די גרויסע ישועה.

זאלן מיר אלע זאגן אזוי,
זה היום עשה ה׳ נגילה ונשמחה בו.
זאלן מיר אלע לויבן מיט א ברען,
פאר די גרויסע ישועה און קידוש השם.

צו דערציילן די נסים ווער איז אומשטאנד,
ווי אזוי דער רבי זאל לעבן איז ניצול געווארן פון היטלער׳ס האנט.
יעדער איינער ווייסט גאנץ גוט,
די סכנות נפשות דארט יעדע מינוט.

אין די גרעסטע פינסטערניש ביז צום תהום,
ווען דאס גאנצע חיות האט געהאנגען אויף איין האר קוים.
ביי די לעצטע רגע פון טויט שרעק פחדים,
האבן זיך געעפנט שערי רחמים וחסדים.

א רעש א בהלה א גרויסע טומל,
מלאכים שרי מעלה לויפן אין הימל.
אלע פרעגן די זעלבע שאלה,
ווען זעצט זיך צוזאמען דער בית דין של מעלה.

א פחד א מורא מלא חששות,
דער בית דין של מעלה גייט דן זיין דיני נפשות.
עס הייבט זיך אן אזוי ווי עס איז דער שטייגער,
קודם רעדט דער תובע דער קטיגור.

עס הייבט זיך אן א שטארקע מערכה,
דער ס״מ טענה׳ט דער רבי זאל לעבן פירט זיך נישט כהלכה.
דאס איז איינס פון די גרעסטע חטאים,
ער רודפ׳ט שרעקליך די רשעים.

די הלכה איז קובע איבעראל,
אף על פי שחטא הוא ישראל.
יעדער איינער ווייסט גאנץ געוויס,
עס שטייט דאך הוי דן את כל האדם לכף זכות.

דאס איז זיכער גאנץ ענטשידען,
אז מיט די שארפע דרשות ווערט א קטרוג אויף אידן.
מקרב צו זיין די רשעים מוז מען זיך באמיהען,
ווייל מיט גוטן קען מען אסאך מער אויף טוהען.

ער האלט מלחמה מיט א שטארקע האנט,
אנטקעגן ארץ ישראל דאס הייליגע לאנד.
אנטקעגן די גדולים פון איבעראל,
און אזוי איז ער מרבה מחלוקת בישראל.

עס קומט אן איינער מיט א גאלדענעם קרוין,
דאס איז פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן.
ער איז געקומען אליין זיך אנטראגן,
בתורת אם לא יגיד וויל ער עדות זאגן.

ער איז מסביר דאס ענין גאנץ באריכות,
אז דער רבי זאל לעבן פירט אויס זיין שליחות.
זיין שיטה איז א הייליגע, א אמת׳ע פלא פלאות,
דער רבי זאל לעבן איז מקנא קנאת ה׳ צבקות..

דאס וואס דער קטיגור האט געזאגט פריער,
די זעלבע חטאים האט מען אויך געזאגט אויף מיר.
און דאך זאגט עדות דער רבונו של עולם,
אז פאר אזא מחלוקת קומט דער פרס פון שלום.

מיט די הייליגע דרשות פון איבעראל,
איז דער רבי זאל לעבן מכפר על בני ישראל.
אזעלכע דרשות זענען משיב אף וחימה,
ווייל אידן ווערן נתעורר צו תשובה שלימה.

דער קטיגור האט געטראפן א פרישע עבירה,
ער האט נאך וואס צו זאגן באין ברירה.
פאר דעם אליין קומט א ביטערער עונש,
דער רבי זאל לעבן איז מבזבז יותר מחומש.

די הלכה איז קובע ביי צדקה א שיעור,
עס מעג זיין אפילו דער גרעסטער גביר.
מיט די הלכה רעכנט ער זיך נישט קיין טראפ,
וועגן צדקה איז ער א בעל חוב ביז איבערן קאפ.

דער מלאך מיכאל גיט אויף דעם א שמייכל,
דאס איז ממש א טענה פון א קורצער בר שכל.
דער גאנצער חטא איז לא מילתא אוושא,
אזוי ווי עס שטייט כל אשר לו יתן בעד נפשו.

דער ס״מ איז געפאלן אויף א אייזערנע המצאה,
ער קוועלט ממש פאר גרויס הנאה.
עס קען נישט העלפן קיין זכות,
כיון שניתן למשחית רשות.

עס כאפט א פאניק א טויט שרעק,
חלילה אלעס איז פארלוירן מיט אלעמען א עק.
ווי נעמט מען א תשובה אדער א מענה,
וואס קען מען ענטפערן אויף אזא ביטערע טענה.

דער מלאך מיכאל נעמט דאס ווארט,
ער ענטפערט טרעפליך אויפ׳ן ארט.
ער ברענגט די גמרא תענית דף כ״א מיניה וביה,
די גמרא זאגט דארט זכותא דרבי נפיש טפי.

לויט די גמרא איז א פשיטא,
אז אויף א צדיק גמור האט דער משחית נישט קיין שליטה.
רב האט נישט געקענט העלפן דארטן איז א סברא,
וויל ער אליין איז נישט אריין געפאלן אין די צרה.

דער מלאך מיכאל ברענגט ראיות תשעה קבים,
דעם גרויסן כח פון זכותא דרבים.
דעם כח פון די דרשות די הייליגע השפעה,
וועט ברענגען אויף דער וועלט די גרויסע הכרעה.

דער מלאך מיכאל ציהט אן א שטארקן מקור,
עס פעלט אויס א נשיא בישראל א מנהיג הדור.
דאס איז א טענה א געשיידטע,
ער וועט מחזיר זיין למוטב די שארית הפליטה.

וואס מען האט גע'פסק'נט ביים בית דין של מעלה,
דאס איז שוין ידוע פאר אונז אלע.
אין דער הצלה האט אויך געהאלפן דער קדושת יו"ט זכרונו לברכה,
אויף דעם איז דא א שטארקע הוכחה.

ער איז געקומען צום חלום פאר א גוטן שליח,
ער זעהט צו ערלעדיגן ווי גיך.
דער רבי זאל לעבן זאל אויך זיין אין די רשימה,
וועט אלעס דורך גיין אן א פגימה.

די השגחת הבורא האט אזוי געפירט,
אפילו די בארד און די פיאות זענען געבליבן אומגערירט.
דער צלם אלקים זאל בלייבן גאנץ, זייט אייך משער,
וויל הקב"ה איז מדקדק מיט צדיקים כחוט השער.

מען קען ווערן ממש נתפעל,
פון רבי'נס שיטה בנוגע לארץ ישראל.
היינט זעהט שוין יעדער דייטליך און קלאר,
וואס דער רבי שרייט שוין אויף די ציונים עטליכע אין 40 יאר.

זאלן מיר מאכן א חשבון אצינדער,
מען גלייבט זיך אליין נישט די גרויסע וואונדער.
און די מוסדות פון רבי'ן זאל לעבן פון איבראל,
בלי עין הרע 5,000 קינדער וכן ירבו בישראל.

יעדער מוז העלפן מיט א ברייטע האנט,
די הייליגע מוסדות צו האלטן זאל זיין אומשטאנד.
דאס איז ביי אונז די גרעסטע פארמעגן,
צו זעהן א דור ישרים אין אונזער גאנץ לעבן.

מיר וועלן מאכן א ברכת שהחיינו,
אז דער רבי זאל לעבן איז ניצול געווארן פון די גרויסע סכנה.
די שמחה איז טאקע כפל כפלים,
וויל ס'איז אויך נתקדש געווארן שם שמים.

זאלן מיר וואונטשן דעם רבי'ן זאל לעבן לחיים,
ער זאל זוכה זיין צו זעהן בנחמת ציון וירושלים.
מיר זאלן אלע זוכה זיין אינגיכן,
מיט דעם רבי'ן זאל לעבן אנטקעגן צו גיין משיח'ן.

תם ונשלם שבח לקל בורא עולם.

**(אלימלך דוד ראטה)**

עס דערציילט מיין עלטער פעטער

## הרה"ח ר' נפתלי הירצקא יאקאב ז"ל

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין בערגן בעלזן האט מען אונזער קבוצה אריינגעלייגט אין איינע פון די באראקן, עטליכע טעג שפעטער האבן מיר זיך דערוואוסט אז אין די באראק האט זיך אויפגעהאלטן מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.

אזוי ווי ס'איז געווען געציילטע טעג פאר חנוכה, האב איך באמערקט אז צווישן די שפאלט'נס פון די העלצער וואס האט אנגעהאלטן דאס דאך, איז געווען באהאלטן צוויי ליכט.

ווי באוואוסט האט דער רבי צוזאמגעזאמלט די פוטער וואס מ'האט געטיילט, כדי צו מאכן פון די פעטנס ליכט, אז אויב ער וועט בלייבן דארט זאל ער קענען אנצינדן די חנוכה ליכט, אבער ב"ה דער רבי איז שוין באפרייט געווארן כ"א כסלו, נאך פאר חנוכה, און אזוי האבן די אידן אין דעם באראק געהאט צו צינדן חנוכה ליכט.

**(חיים גראס)**

עס דערציילט אונזער טאטע

## מוה"ר ישכר בצלאל יאקאב הי"ו

אור ליום כ"ט סיון תשנ"ד גלייך נאכן קבלת פנים לכבודו פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע דאהי אין ירושלים עיה"ק איז דער רבי דער ברך משה זי"ע. געגאנגען אויף א ביקור במעון קדשו פון מו"ר הקוה"ט מרן הגאב"ד וראש ישיבתינו זי"ע, איך האב אויך זוכה געווען צו זיין ביי די געהויבענעם באזוך. כי הנה המלכים נועדו יחדיו און גלייך איז פארפירט געווארן א שיינער שמועס, האט דער רב זי"ע געפרעגט פארן רבי'ן זי"ע בל"ק: "ווי אזוי האלט עס דער רבי אויס?" (די גרויסע כבוד וואס מען האט אפגעגעבן פארן רבי'ן בעת דעם קבלת פנים), האט דער רבי דער ברך משה זי"ע גענטפערט בל"ק: "אז איך האב געקענט אויסהאלטן 12 חדשים ביי די רשעים די דייטשן ימ"ש קען איך דאס אויך אויסהאלטן".

אזוי איז פארפירט געווארן א שמועס פון די ביטערע יארן וואס כלל ישראל איז אריבער אין יענע צייט, האט דער רבי דער ברך משה זי"ע דערציילט בתוך הדברים אז ער האט געהערט פון הגה"צ מאודווארי זצ"ל (וועלכער איז נפטר געווארן דעם פארגאנגענעם שב"ק) וואס איז געווען אינאיינעם מיט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אין לאגער אז אין יענע טעג פלעגט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע שטיין שעות לאנג ביים פענסטער ועיניו נשואות למרום - און קוקן אויפן הימל, האט דער רבי דער ברך משה זי"ע אויסגעפירט בל"ק: "איר ווייסט וואס דער פעטער האט געטוהן דעמאלטס? ער האט מתפלל געווען צום בורא כל עולמים אויף די צרות פון כלל ישראל".

**(משה צבי יאקאב, ירוחם יאקאב, אברהם יעקב בנימין יאקאב)**

# אוצר רבותינו

## הרב הגאון ר׳ שלום שניצלער שליט״א

**לכבוד דעם גרויסן טאג ״כ״א כסלו״ ווען מיר אראפברענגען עטליכע אינטרעסאנטע מעשיות פון רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, וועלכע מיר האבן אליין געהערט - כלי ראשון - פון די בעלי העובדות, וואס וועט אי״ה זיין א גרויסע תועלת פאר די קינדער שיחיו, זיך אראפצולערנען פון די הייליגע מדות פונעם רבי׳ן זי״ע.**

* * *

ווען דער רבי זי״ע איז אנגעקומען קיין אמעריקא, האט ער באגעגנט א נאנטער קרוב וואס איז ליידער געווארן אפגעגליטשט פון דער אידישער וועג. דער רבי האט זיך אינטרעסירט ביי אים וועגן זיין מצב א.ד.ג. דערנאך גיבט אים דער רבי א פרעג: ״און וואס איז מיט שבת?״ האט אים דער איד געענטפערט אז זיין פרנסה איז פון א אפטייק, און חוץ פון רפואות פארקויפט ער דארט אין געשעפט נאך אסאך זאכן, און דער עיקר ווען עס גייט אים גוט די געשעפט איז שבת קודש, און אויב ער וועט צומאכן דאס געשעפט אין שבת, וועלן די קונים נישט קומען צו אים אינמיטן וואך אויך נישט.

״און וואס איז מיט כשרות?״ פרעגט אים דער רבי, ענטפערט דער איד: ״רבי, מיר לעבן דא אין אמעריקא, און דא קען מען נישט האלטן כשרות אזוי ווי אינדערהיים״.

האט דער רבי אים אנגעהויבן צו מוסר׳ן און געזאגט: ״דו ווייסט פון וועמען דו שטאמסט?״ און דער רבי האט אים אויסגערעכנט די גאנצע יחוס פון זיינע הייליגע עלטערן, און געזאגט: ״דיינע עלטערן האבן זיך מוסר נפש געווען אויף יעדע קליינע הלכה פון די תורה, און דו, אויף אזא הארבע זאך ווי כשרות ביסטו נישט מקפיד, און די עסט מאכלים וואס זענען נישט כשר?״ אזוי האט דער רבי זי״ע אים נישט אפגעלאזט ביז ער האט אים ענדליך משכנע געווען צו היטן כשרות.

דער רבי אליין האט געלערנט מיט אים ווי אזוי צו כשר׳ן אלע כלים, און וועלכע כלים מ׳קען נישט בכלל כשר׳ן נאר מ׳דארף אוועקווארפן, א.א.וו.

דערנאך האט אים דער רבי זי״ע געבעטן ער זאל אים קומען באזוכן פון מאל צו מאל, און אזוי איז טאקע געווען. ווען ער איז געקומען צום רבי׳ן האט אים דער רבי אויפגענומען מיט זייער א פריינדליכע ליבשאפט, און כסדר זיך אינטרעסירט וואס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב.

איינמאל איז אריבער א לענגערע צייט און דער איד איז נישט געקומען באזוכן דעם רבי׳ן, דער רבי האט זיך שטארק באקלאגט אויף דעם, און ער האט געזאגט פאר הרה״ח ר׳ יוסף אשכנזי ז״ל משב״ק: ״אפשר האב איך אים געזאגט איין ווארט מוסר מער פון וואס כ׳האב געדארפט און דאס האט אים אוועק געטריבן?!״

נאך א שטיק צייט איז דער איד נאכאמאל געקומען באזוכן דעם רבי׳ן, דער רבי האט זיך זייער געפריידט צו אים, און זיך אינטערסירט וואס עס טוט זיך ביי אים און פארוואס ער האט אויפגעהערט צו קומען צו אים, האט ער דערציילט פארן רבי׳ן אז ער האט געליטן פון א הארץ אטאקע ר״ל, דער רבי האט זיך באלד נאכגעפרעגט צו ער האט גענוג געלט צו צאלן פאר דאקטורים און ווי ער פילט זיך.

דערנאך פרעגט אים דער רבי: ווען דו ביסט צוריק ארבעטן אין דיין אפטייק נאך וואס דו האסט זיך אויסגעהיילט, זענען דיינע קונים צוריקגעקומען?״ ״אודאי״ – ענטפערט דער איד – ״מ׳דערקענט ממש נישט אז די געשעפט איז געווען אפגעשפארט אויף אפאר וואכן״. זאגט אים דער רבי: ״האסט דאך געזאגט אז אויב דו וועסט צומאכן די געשעפט נאר אויף איין טאג – שבת קודש – וועסטו דערלייגן דיינע קונים, נו זעסטו אז מ׳דערלייגט נישט אפילו די געשעפט איז צוגעמאכט?!״

דער איד האט טאקע מקבל געווען די ווערטער פונעם רבי׳ן און מקבל געווען אויף זיך צו היטן שב״ק.

* * *

אין די שטאט סאטמאר האט געוואוינט א איד וואס זיין ווייב איז ל״ע נפטר געווארן און איבערגעלאזט קינדער אין שטוב. אויך איז געווען א פרוי וואס איר מאן איז נפטר געווארן און זי איז געבליבן א אלמנה. און די צוויי האבן חתונה געהאט צוזאמען.

דער רבי, וועלכער האט געקענט די צוויי משפחות, האט זיך אפגערעדט פאר די רעבעצין, אז היות די פרוי איז צו א שטרענגע, האט ער זייער מורא אז עס וועט נישט טויגן דער שידוך, ווייל זי וועט זיך נישט קענען אפגעבן מיט די קינדער פון דער מאן, האט דער רבי געבעטן אז די רעבעצין זאל גיין באזוכן דארט אין שטוב פון מאל צו מאל.

האט די רעבעצין געזאגט פארן רבי׳ן: ווי אזוי קען איך קומען באזוכן א משפחה אומגערופן, האט איר דער רבי א עצה געגעבן, אז זי זאל זאגן פאר יענע פרוי אז זי האט געהערט אז זי קען מורא׳דיג גוט קאכן עפעס א געוויסע מאכל, און זי וויל דאס אויך קאכן פארן רב, און זי וויל אז זי זאל איר אויסלערנען צו קאכן די מאכל, אזוי וועט זי זיך שוין אריינדרייען דארט אין שטוב.

באלד נאך די חתונה פון די צוויי, איז די רעבעצין אריבער צו די משפחה וואונטשן מזל טוב, אזוי שמועס׳נדיג, זאגט די רעבעצין פאר יענע פרוי: איך האב געהערט אז דו קענסט זייער גוט קאכן, איז וויל איך וויסן ווי אזוי מ׳קאכט יענע און יענע סארט מאכל, האט זי באלד געענטפערט און מסביר געווען ווי אזוי דאס צו קאכן. פרעגט איר די רעבעצין: ווען גייט איר קאכן די מאכל, ענטפערט זי: דעם קומענדיגן דאנערשטיג, זאגט איר די רעבעצין: אויב איר וועט מיר געבן רשות, וועל איך קומען טועם זיין פון די מאכל, זאגט די פרוי: אדרבה, ס׳איז מיר א כבוד אז די רעבעצין וועט קומען צו מיר אין שטוב מאכן א טועמיה, און אזוי וועט דער רב אויך קענען געניסן פון דעם סארט מאכל.

אזוי איז טאקע געווען, די רעבעצין איז געקומען צו זיי אין שטוב, און אויך יעדע מאל ווען זי האט געקאכט דעם מאכל איז די רעבעצין דארט געקומען, און אזוי צוביסלעך האט זי זיך אנגעהויבן צו אריינמישן אין די ענינים פון די קינדער, די רעבעצין האט זיך אנגענומען ביי געוויסע פעלער פאר די קינדער, און נישט נאר פאר די קינדער פון דער מאן, נאר אויך פאר די קינדער פון די פרוי, אזוי האט זי געקענט אלעס אהער שטעלן די שטוב זאל זיך פירן אויף די ריכטיגע וועג.

* * *

אין יאר תש״כ האט געהערשט שרעקליכע היצן אין אמעריקא, דעמאלטס פלעגט דער רבי זי״ע דאווענען אינעם ביהמ״ד אויף 500 בעדפארד, (דעם ביהמ״ד האט מען אפגעקויפט בשנת תשי״א פאר 90.000 דאלער), אבער דער ביהמ״ד איז שוין געווען צו קליין צו אריינעמען אזא גרויסן ציבור, בפרט אין די ימים נוראים טעג איז שוין געווען ממש פיקוח נפש.

חודש אלול תש״כ האט די הנהלת הקהילה מחליט געווען אז צוליב די גרויסע היצן וועט מען מוזן קויפן א עירקאנדישן פארן ביהמ״ד, און נעמען א מומחה וואס וועט קענען ענדיגן די ארבעט ביז ראש השנה. מ׳האט טאקע אזוי געטוהן, טאג און נאכט האט מען געארבעט כדי די עירקאנדישן זאל זיין גרייט אויף ראש השנה. די עירקאנדישן איז שוין געווען כמעט אינגאנצן גרייט, נאר די עיקר חלקים זענען נישט אנגעקומען צום בעל מלאכה פאר ראש השנה, און וועגן דעם איז די עירקאנדישן נישט גרייט געווארן.

ראש השנה איז טאקע געווען אומדערטרעגליך, מ׳האט געדארפט ארויסנעמען פון ביהמ״ד אסאך פאר׳חלש׳טע אידן, און נאך יו״ט האבן

די הנהלת הקהילה באשלאסן אז מ׳וועט נישט באצאלן פארן בעל מלאכה אויף זיין ארבעט וויבאלד ער האט נישט געענדיגט זיין ארבעט צום באשטימטן צייט.

עטליכע טעג נאך ראש השנה איז דער בעל מלאכה געקומען בעטן די געלט וואס עס קומט אים, דער ממונה וואס האט געדארפט באצאלן די געלט איז געווען הרה״ח ר׳ בערל אייזדארפער ז״ל הי״ד, אבער ער האט נישט געוואלט מצער זיין דעם בעל מלאכה, האט ער אים אפגעשטופט אויף צומארגנס.

ביינאכט איז ר׳ בערל אריין צום רבי׳ן און דערציילט וואס עס גייט פאר, האט דער רבי באפוילן פאר ר׳ בערל ער זאל שוין גיין באצאלן פארן בעל מלאכה די גאנצע געלט, און אויב איינער פון די הנהלה וועט האבן תרעומות זאל ער זאגן אז דער רבי האט געהייסן באצאלן.

ר׳ בערל האט געזאגט פארן רבי׳ן אז וויבאלד עס איז שוין איינס אזייגער ביינאכט, וועט ער אי״ה מארגן נאכן דאווענען גלייך גיין באצאלן פארן בעל מלאכה, אבער דער רבי האט נישט מסכים געווען און געזאגט אז מ׳טאר נישט גורם זיין עגמת נפש פאר א איד אפילו אויף א קליינע צייט, און דער בעל מלאכה האט זיכער גרויס עגמת נפש אז ער גייט דערלייגן די גאנצע געלט, ר׳ בערל איז טאקע געגאנגען אינמיטן נאכט באצאלן די חוב, און ווען ער איז צוריק צום רבי׳ן אינמיטן נאכט דערציילן אז ער האט שוין באצאלט די חוב, האט זיך דער רבי בארואיגט און גרויס הנאה געהאט.

* * *

א אלמנה איז אמאל געקומען צום רבי׳ן זיך אויסרעדן אז אירע קינדער זענען שוין אונטערגעוואקסן, זי דארף שוין אנהייבן צו זארגן וועגן זיי חתונה צו מאכן, און זי וויל אז דער רבי זאל איר אנוואונטשן. דער רבי האט איר אנגעוואונטשן פיל ווארעמע ברכות אז זי זאל קענען גרינגערהייט טוהן שידוכים וכו׳.

ווען די אלמנה איז ארויס פון רבינ׳ס צימער האט זיך דער רבי שטארק צואוויינט, ווען די רעבעצין האט געפרעגט פארן רבי׳ן פארוואס ער וויינט, האט איר דער רבי געזאגט: ״איך בין זיכער אז אויב איר מאן וואלט ווען געלעבט וואלט ער פארגאסן טרערן צו קענען טוהן גוטע שידוכים מיט זיינע קינדער, און יעצט אז ער לעבט נישט, פיל איך אז דאס איז א גמילות חסד וואס איך מוז טוהן״.

* * *

ס׳איז געווען א איד וואס האט געהאט גרויסע געשעפטן, און ער איז געווארן ל״ע א יורד, ביז ער האט שוין ממש נישט געהאט געלט צו שפייזן זיין משפחה, איז ער געקומען זיך אויסגיסן זיין הארץ פארן רבי׳ן זי״ע, האט אים דער רבי געזאגט ער זאל צוריק קומען נאך אפאר טעג, און ער וועט שוין זעהן וואס ער קען אים העלפן.

דער רבי האט באלד אריבערגערופן צוויי עשירים פון די קהילה וואס זיי האבן געהאט א גוטע השפעה אויפן עולם, און ער האט זיי געבעטן זיי זאלן ארומגיין ביים עולם נאך געלט, דער רבי האט זיי אויך געגעבן א שיינע סכום ״הצלחה געלט״.

די צוויי עשירים האבן צוזאמגעשטעלט א שיינע סכום, און האבן פארגעשלאגן פארן רבין אז אפשר איז כדי מ׳זאל זאגן פאר יענעם איד אז די געלט איז נאר א הלוואה ביז ווען ער וועט זיך צוריקשטעלן אויפן פלאץ, אזוי וועט דער איד זיך נישט קענען ארומשפילן מיט די געלט נאר ער וועט וויסן אז ער דארף צוריק אויפשטעלן זיינע געשעפטן, און מ׳וועט אויך פארדינען אז ווען ער וועט צוריק געבן די געלט וועט מען קענען מחיה זיין נאך אידן מיט דעם.

האט דער רבי זיי געענטפערט, אייער סברא איז זייער א שטארקע סברא, אבער איך וועל נישט צוריק ציהען פון די צדקה וואס איך האב געוואלט געבן, ווייל כדי דער איד זאל זיך קענען צוריק שטעלן, מוז זיין גאנצע קאפ זיין ארייגעטוהן אין די געשעפטן און ער זאל נישט דארפן זארגן פון וואו צוריק צו באצאלן די חוב.

דער רבי האט נאכמער צוגעלייגט, כאטש די גמרא זאגט ״גדולה גמילות חסדים יותר מהצדקה״, אבער די גרעסטע מדריגה פון צדקה איז צו קענען אוועק שטעלן פאר א איד זיין פרנסה, ער זאל זיך קענען אליין האלטן, און ביי אזא אופן איז צדקה גרעסער פון גמילות חסדים.

* * *

**דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך אפלערנען צו גיין אין די וועגן וואס רביה״ק זי״ע האט אונז געלערנט, און זיין גרויסע זכות זאל מגין זיין אויף אונז, אמן ואמן.**

* * *

## אוצר הגמרא

די וואך לערנען מיר אין די גמרא (דף כד ע״ב) וואס רב אסי האט געזאגט **״מצא חבית יין בעיר שרובה כנענים, מותרת משום מציאה, ואסורה בהנאה.״** פארוואס טאר מען נישט הנאה האבן פון די וויין? ווייל וויין פון א גוי האט א הלכה ווי יין נסך וואס עס איז אסור צו טרינקען און צו הנאה האבן פון דעם.

ווען האבן די הייליגע חכמים גוזר געווען אז וויין פון א גוי **״סתם יינם״** זאל האבן די זעלבע הלכה פון יין נסך?

די גמרא אין מסכת חגיגה (דף יג ע״א) דערציילט אז מען האט געוואלט באהאלטן דעם **ספר יחזקאל** פון נ״ך ווייל עס האט אויסגעזעהן אז עס איז דא חלילה געוויסע סתירות צווישן ספר יחזקאל מיט די הייליגע תורה. - זאגט די גמרא ווייטער - דער גדול הדור **חנניה בן חזקיה** האט גענומען דריי הונדערט פעסער אויל (ער זאל האבן ליכטיגקייט), און ער איז ארויף אויפן בוידעם און ער איז דארט געזעסן ביז ער האט פארענטפערט אלעס וואס האט אויסגעקוקט סתירות צווישן ספר יחזקאל מיט די תורה.

וועגן דעם - זאגט די גמרא - דארף מען דעם גדול הדור געדענקען צום גוטן ווייל ווען נישט אים וואלט מען באהאלטן דעם ספר יחזקאל.

אין **פירוש הרמב״ם** אויף משניות (מסכת שבת) ווערט געברענגט אז ווען דער גדול הדור איז געזעסן אין בוידעם פלעגן די חכמי הדור ארויף קומען צו אים איבער פארשידענע ענינים. איינמאל זענען דארט געווען א גרויסע ציבור תלמידים פון שמאי און פון הלל, און אויך יעדער וואס איז געווען מוסמך אויף הוראה אין יענע צייט איז דארט געווען ביי חנניה.

אין משנה אין מסכת שבת (פרק א׳) ווערט געברענגט אז יענע טאג האט מען געציילט ווער עס איז דארט די רוב, און די בית שמאי זענען געווען רוב, דעריבער האט מען יענעם טאג גוזר געווען 18 זאכן אזוי ווי די בית שמאי האבן געהאלטן, אפילו אלעמאל פסק׳נט מען אזוי ווי בית הלל, אבער וויבאלד יענע טאג איז בית שמאי געווען רוב, האט מען גע׳פסק׳נט אזוי ווי זיי.

איינע פון די 18 זאכן וואס מ׳האט יענע טאג גוזר געווען איז געווען אז אפילו סתם וויין פון א גוי וואס איז נישט יין נסך, זאל האבן די זעלבע הלכה ווי יין נסך (מסכת שבת י״ז ע״ב), כדי די אידן זאלן נישט טרינקען וויין צוזאמען מיט גוים וואס דאס קען צוברענגען אז מ׳זאל חלילה חתונה האבן מיט זיי.

# קעסטל רעטעניש



## הייב אן צו גיין
## פון די
## אנגעצייכנטע ח'

**שרייב אריין די ערשטע די ח'**
**און דערנאך יעדע דריטע אות**

## שרייב אראפ די ווערטער "רבינו הקדוש"

**וואס קומט אויס???**

1. לייג צו 100 צו די ש'.
2. נעם אראפ 30 פון די ק'.
3. דאפל די ה'.
4. לייג צו 3 צו די ד'.
5. צוטייל די ר' אין 4.
6. לייג צו ביים סוף די אותיות: ג' ו' ל'.
7. לייג צו א נאל (0) צו די ב'.
8. טויש די ז' מיט די ערשטע נ'.
9. לייג די ערשטע י' פאר די ג' און די ערשטע נ' נאך די ג'.
10. לייג די ת' און די צווייטע ו' נאך די ערשטע ו'.
11. לייג די ע' פאר די ל' און די ערשטע י' נאך די ל'.
12. לייג די ערשטע נ' און די דריטע ו' ביים סוף.

# שרייב אראפ די ווערטער "דברי יואל"

1. לייג די ו' אין אנפאג.
2. לייג צו 1 צו די ד'.
3. לייג צו 100 צו די ר'.
4. לייג די ערשטע י' נאך די ו'.
5. מאך די ב' פאר א מ'.
6. נעם אראפ 4 פון די צווייטע י'.
7. לייג די ו', די א' און די ל' נאך די י'.
8. לייג די ה' נאך די ש'.

**וואס קומט אויס???**

# שרייב אריין די תשובות אין די קעסטלעך

**וועט דיר אויסקומען ביי די ערשטע קעסטלעך די טאג וואס רביה"ק זי"ע איז באפרייט געווארן**

1
2
3
4
5
6
7
8
9

1. א פלאץ דא אין ירושלים עיה"ק וואס דער רבי האט גע'אסר'ט צו גיין.
2. די ערשטע שטאט וואס דער רבי האט משמש געווען ברבנות.
3. אין דעם טאג איז דער רבי נפטר געווארן.
4. די דריטע שטאט וואס דער רבי האט משמש געווען ברבנות.
5. איינע פון די מאמרים אין ספר ויואל משה.
6. איינע פון די ספרים פון רבי'ן.
7. די יאר וואס דער רבי איז נפטר געווארן.
8. נאך א מאמר אין ספר ויואל משה
9. די חלק אין ספר על הגאולה ועל התמורה האט דער רבי אליין געשריבן.